און אַ סך האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט, און ער האָט זיי
אַלע געהיילט, און זיי שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זיי 16
זאָלן אים נישט מפֿרסם זײַן, כּדי עס זאָל דערפֿילט 17
ווערן, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן דורך ישעיהו
הנביא, אַזוי צו זאָגן:

זע, מײַן קנעכט, וועמען איך האָב אויסדערוויילט; 18
מײַן געליבטער, אין וועמען מײַן נפֿש האָט אַ
וואוילגעפֿעלן;
איך וועל געבן מײַן גײַסט אויף אים,
און ער וועט דערקלערן משפּט צו די פֿעלקער.
ער וועט זיך נישט צאַנקען, און וועט אויך נישט 19
שרײַען;
און קיינער וועט נישט הערן זײַן קול אויף די גאַסן.
אַ צעשפּאָלטן שטעקל וועט ער נישט צעברעכן, 20
און טליענדיקן פֿלאַקס וועט ער נישט אויסלעשן,
ביז ער וועט אויספֿירן משפּט צום זיג.
און אויף זײַן נאָמען וועלן די גוים האָפֿן. 21

(ישעיהו מב, א־ד.)

דעמאָלט האָט מען צו אים געבּרענגט אַ באַזעסענעם 22
מיט אַ בייזן גײַסט, בלינד און שטום, און ער האָט
אים געהיילט, אַז דער שטומער האָט סײַ גערעדט
סײַ געזען. און די אַלע המונים מענטשן האָבן 23
געשטוינט, און געזאָגט: איז ער נישט אפֿשר דער
בן דוד? ווען די פּרושים האָבן אָבער עס געהערט, 24
האָבן זיי געזאָגט: ער טרײַבט נישט אַרויס קיין
בייזע גײַסטער, אַ חוץ דורך דעם בעל זבול, דעם
שר פֿון די בייזע גײַסטער! און וויסנדיק זייערע 25
געדאַנקען, האָט ער צו זיי געזאָגט: יעדע מלוכה,
וואָס איז נישט אייניק מיט זיך אַליין, ווערט
פֿאַרוויסט; און יעדע שטאָט אָדער הויז, וואָס איז
נישט אייניק מיט זיך אַליין, וועט נישט בלײַבן